# ראש דבר

שלום עליכם חשובע חברים,

אזוי ווי עס ווערט אי"ה בקרוב פארקומען וואלען בקהלתנו, אין מימי עולם ושנים קדמוניות זענען מיר שוין געוואוינט אז עס איז נישט מער ווי א שפיל. וואס איז בפירוש נישט קיין יושר, צוליב צוויי סיבות:

1) מיר צאלען דיוס, מיינט עס אז מיר האבן א רעכט צו זאגן א מיינונג.

2) שנית, והוא העיקר, די גאנצע קהילה געהערט פארן רבים, אין מלך בלא עם , דאס הייסט אז יעדער יחיד איז באמת א בעל הבית, נאר אזויווי עס קען נישט געפירט ווערן דורך יעדעם, ווערט מען אויס פארשטייער,שלוחו של אדם כמותו, אז זיי זאלען פירען די טאג טעגליכע ווערטשאפט. אבער דאס מאכט זיי נישט פאר בעל הבית כמובן! עפ"י הלכה געהערט עס קלאר פארן ציבור, דאס איז די טייטש פון נכסי רבים!

לפי"ז נמצא, אז ווילאנג די ציבור פאדערט די אייגענע רעכטן, איז נישט שייך צו זאגען "מען מיינט צו דרייען א קאפ", "מען איז אומציפרידענע מענטשן", "ווער ס'וויל קען גיין" "מען שטערט די סיסטעם"וכו' , היעלה על הדעת אז ארבעטער זאל זאגן פארן בעל הבית אז אויב ער איז נישט צופרידן קען ער גיין?

תמצית הדברים, הבנות בנותי והצאן צאני וכל אשר אתה רואה שלי הוא, מיר זענען די מעמבערס, מיר זענען די מתפללים, יעדע פעני פון די קהלה קומט פון אינזער טאש, עס איז נישט פשט אז די קהלה דארף צו אינז צוקימען, נאר אז אן אונז איז בכלל נישט דא קיין חלות פון קיין קהילה!

ב"ה אז מיר האלטען שוין דא, נאך אזויפיל שווערע יארען האט די תוה"ק געזיגט, כמעט מיט אפענע ניסים, חסדי השם כי לא תמנו, אבער דאס איז נישט קיין סיבה זיך צוצולייגען אויף די קומענדיגע יארען, אין זיך אויפציוועקן צו א פראבלען ח"ו, החכם עיניו בראשו, עס איז קריטיש וויכטיג אז קיין שום יחיד זאל זיך נישט ארייגראבען אזוי טיף, אז ער ווערט קענען טון כרצונו, איז נישט דארפען אפגעבן א דין וחשבון פאר קיינעם, און נישט קיין חילוק וואס ער ווערט טון ווערט ער בלייבען אינעווייניג, אין ס'זאל אויסקומען אז שפחה תירש גבירתה, ח"ו.

מיר מיינען חלילה קיינעם נישט, באמת, אלע אין קהל זענען אהובים וברורים, אין מיר קומען זיי א געוואלדיגע הכרת הטוב! אבער מיט דעם אלעם, טאר מען חלילה נישט צולאזען אז עס זאל ווערן א מצב אז עס זאל ארויספאלען אינגאנצען פון אינזערע הענט, אין א מאן דהוא -נישט קיין חילוק ווי חשוב- זאל קענען טון וואס ער וויל אן אפגעבן דין וחשבון. ויפה שעה אחת קודם, ווייל לאחר המעשה איז אוין אסאך שווערער מתקן צו זיין -אויב בכלל.

למעשה איז די איינציגע מיטעל צו באווארענען כל הנ"ל "ערליכע אויפריכטיגע וואלען", ומי יבוא אחר המלך, רביה"ק וואס האט עס איינגעפירט. עס איז נישט קיין דבר חדש, אין עס איז לעכערליך צו זאגען, "אט קומט מען אן מיט נייע זאכען" וכו. ואין קץ לדברי רוח.

ובכן ווילען מיר דא דינען ווי א פלאטפארמע, צו קענען ארויסזאגען דו מיינונג פונעם ציבור, אז די אמת'ע בעל הבתים זאלען קענען געהערט ווערן, ותקוותנו חזקה אז מיר זאלען נישט דארפען צוקימען צו קריטיקירען, נאר אלעס זאל זיין על פי יושר וצדק.

נ.ב. עס איז נישט צום הארץ צו דארפען ארויסקומען ברבים, אבער ההכרח לא יגונה, מיר האבען נישט קיין צייטונג אדער אנדערע מיטלען. ותקוותנו שלא יצא מכשול מתחת ידנו.

## א

## לצנות פון די מעמבערס ??

עטליכע פאקטען

פאקט 1)די ערשטע מודעה אין פרטים וועגן די מעגליכקייט צו צוזאמשטעלן א רשימה איז געמאלדען געווארען אין "דער איד" דאנערשטיג פ' ויגש, די זמן ביז ווען מען קען אריינגעבן די ליסטע איז דינסטאג ויחי צופרי! אין אנדערע ווערטער בלויז דריי טעג!

פאקט 2) אין די שטאטוטען שטייט אז מען דארף האבען 150 חתימות אריינציגעבן א ליסטע, אין די איצטיגע מודעה שטייט אז מען דארף האבען 300 חתימות !

פאקט 3) אין ביהמ"ד הגדול איז בכלל נישט דא קיין מודעות וועגן די וואלען, נאר עטליכע מודעות וואס פאדערען צו ווערן א מעמבער, טראץ דעם וואס עס איז בלויז דריי טעג פאר די דעדליין אריינצוגעבן א ליסטע!

פאקט 4) כדי אריינצוגעבן א רשימה ברוך מען האבען בערך פופציג מענטשן וואס זענען גרייט צו דינען אין קהל, וואס איז כמובן נישט קיין שריט וואס מען באשליסט איבער נאכט, בנוסף לזה דארף מען גיין צוזאמנעמען חתימות פון 300 מעמבערס, וכמובן נעמט אט די אלע זאכען מינימום עטליכע וואכען.

לאור די אלע פאקטען קומט אויס אז עס איז אוממעגליך אריינצוגעבן א רשימה, דאס מיינט אין אנדערע ווערטער אז די גאנצע זאך איז אן אחיזת עינים, עס דאכט זיך אז מען וועלט, אבער באמת איז נישט דא קיין אפציע עפעס משנה צו זיין. עס דערמאנט פון רוסלאנד אינטער די קאמעניזם ווי מען האט "געוועלט" פאר איין ליסטע, היש לך צחוק מכאיב מזה?
אפדעיט : די מודעה איז געשריבען געווארען פרייטאג נאכמיטאג, למעשה איז פארן זמן יא ארויסגעהאנגען געווארען מודעות אין ביהמ"ד,דאס מיינט צוויי טעג פאר די דעדליין.

ב

## א לענגערע ביאור אויף די וויכטיגקייט פון הנהלת הקהילה, כאטש די סמכות העליונה פון כ"ק אדמו"ר שליט"א

מיר זענען דא מעתיק א לענגערען ביאור געשריבען בהשכל ודעת וואס מיר האבען באקומען פון א ת"ח א בעל מח ויושב אוהל, וואס ער האט ספעציעל אפגעשריבען לתועלת הרבים.

מאנכע פרעגן וואס עפעס איז א נפק"מ די גאנצע וואלען? כ"ק אדמו"ר שליט"א איז דאך ממילא בעה"ב, נו וואס מאכט שוין אויס ווער עס איז אין קהל, עס כאפט דאך נישט קיין חילוק למעשה.

כזה וכיוצא בזה הערט מען דא אין דארט, אבער די אמת איז נישט אזוי, אדרבא, עס איז זייער א אויבערפלעכליכע טעות. מיר וועלן עס פרובירען קלאר צו שטעלן בעזהי"ת. מיר וועלן עס צוטיילען אויף דריי סעיפים.

א) ראשית די פאקט איז אז די קהלה ווערט געפירט דורך קהל, אין רובא דרובא החלטות ווערן געמאכט דורך זיי, אין נישט דורך כ"ק אדמו"ר שליט"א, והאמת עד לעצמו.

אין אפילו יתעקש המתעקש, אין טענה'ן אויף סעיף א' אז אעפי"כ אויב וועט זיך אויספעלן, עס וועט זיך מאכען א זאך וואס איז וויכטיג, וועט כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א זיך אריינמישען אין הייסען טון כדעתו וכרצונו, דאס איז אבער נישט קיין ריכטיגע חשבון, וכמו שנבאר בסעיף הבא:

ב) די מציאות ביז היינט ווייזט, אז כ"ק אדמו"ר שליט"א מישט זיך זייער זייער זעלטן אריין אויף א מקום וואס געהערט פאר די הנהלה (צו ס'זאל זיין הנהלת הקהלה אדער הנהלת המוסדות ) עס האט שוין כמה וכמה פעמים פאסירט אז כ"ק אדמו"ר שליט"א האט געהאלטען גאנץ אנדערש פון די הנהלה, ביי גאר וויכטיגע ענינים, אין דאך האט ער בשום אופן זיך נישט געוואלט אריינמישען . והדברים מפורסמים

וידועים. ונבאר להלן.

וכדי להבינו על ברי' וועל מיר עס מסביר זיין מיט א משל.

כידוע אין אמעריקא ווען א שופט גיט ארויס א פסק, פון א געלט שטראף ביז א טויט אורטייל קען די פרעזידענט פארדאנירען, אין אנדערע ווערטער, ער קען אראפנעמען דערפון למחצה שליש ורביע, און ער קען עס גאר מבטל זיין כעפרא דארעא אז עס בלייבט אפילו נישט אויפן רעקארד.

האט מען שוין אבער געהערט איינער זאל בארואיגען איינעם וואס דארף זיך שטעלן פאר א משפט אז עס איז נישט קיין נפק"מ וואס די שופט וועט פסק'ענען ביי זיין משפט, די שופט איז דאך נישט בעל הבית, די פרעזידענט איז דאך די העכסטע אויטאריטעט.

אין אמת'ן איז עס א גערעכטע טענה, אין עס גאר אויסגעהאלטען אליבא דדינא, אבער האט איר שוין אמאל געהערט א נארמאלע מענטש דאס זאגען?

אוודאי נישט! ווייל כאטש דער פרעזידענט איז בעל הבית איז דאך די פאקט אז עס זייער זעלטן אז א פרעזידענט זאל זיך אריינמישען , ובכן איז בכלל נישט שייך צו לייגען האפענונג דערויף.

אין די טעם דערפון איז פשוט, מען קען נישט פירען קיין לאנד ווי א פרעזידענט האלט זיך אין אריינמישען אין זאכען וואס האבען באשטימטע מענטשן וואס זענען אויף דעם ממונה. אין היסטאריע ווייזט טאקע, אז די מער ערענסטערע פרעזידענטן האבן אסאך ווייניגער פארדאנירט, ווייל זיי האבען פארשטאנען און זיך געהאלטען צו דעם פשוט'ן פרינציפ אז זיך אריינמישען אין זאכען וואס האט ממונים איז אזאך וואס קען געטון ווערן נאר אין גאר זעלטענע פעלער.

הנמשל מובן, כ"ק אדמו"ר שליט"א ברוב חכמתו האלט זיך זייער צו דעם מהלך, היות מען מיז אנקומען צו די מענטשן וואס פירען די אלע זאכען איז אוממעגליך זיך אריינצימישען אין יעדע זאך, כל זמן די דארפסט דעם מענטש, ביזטו מחויב אים צו לאזען טון לויט זיין מהלך. מחמת כמה טעמים שאין כאן מקומו. ברוך שנתן מחכמתו ליראיו.

היוצא מזה, אז כאטש כ"ק אדמו"ר שליט"א האט די בעלות אין מעגליכקייט זיך אריינצימישען ולעשות כרצונו, איז עס נישט קיין מעגליכקייט אויף וואס עס איז זיך שייך צו רעכענען. ואדרבא, עס איז די גרעסטע טובה פאר כ"ק אדמו"ר שליט"א אז עס זאלען זיין ערוועלט מענטשן מיט וועמען ער קען ארבעטען וד"ל.

ג) כל האמור לעיל איז אויפן חלק פון סור מרע (אז עס נישט שייך צו זאגען אז עס וועט נישט זיין קיין פראבלעמען מפני סמכותו העליונה, וכמו שנתבאר), למעשה איז דאך דא דער חלק פון עשה טוב אויך, ולא זה כהרי זה, עס איז דאך דא מענטשן וואס וועלן מער אויפטון ווי אנדערע, מענטשן וואס האבען מער יכולת, רצון, פארשטאנד און גייסט, אינטערעצונעמען פראיעקטן אויף פארשידענע פראנטען וואס זענען ביז

היינט געשלאפען אדער גאר בכלל נישט עקזיסטירט. מענטשן מיט ברייטערע וויזיעס אין פרישערע כחות. ואין שיעור למעלה, בעסער האט דאך נישט קיין שיעור, אין עס נאך דא געווג וואס אויפצוטאן (ואכמ״ל בזה) אין לגבי דעם איז דאך בכלל נישט קיין נפק״מ אז כ״ק אדמו״ר שליט״א איז די העכסטע אויטאריטעט, והדברים פשוטים .

תמצית הדברים: די הנחה אז עס מאכט נישט אויס ווער עס איז קהל -אין ממילא די גאנצע וואלען- איז מופרך מעיקרא, עס קוקט אפשר אויס במושכל ראשון ווי א שטיקעל טענה, אבער מיט א משהו התבוננות זעט מען גלייך אז עס איז הבל ורעות רוח, ואין בו ממש.

**ג)**

## מה נאמר ומה נדבר

היינט איז אנגעקומען אויף די פאסט די צוויי ליסטעס (גאנץ שנעל... נעמענדיג אין באטראכט אז דינסטאג צופרי האט מען נאך אריינגעגעבן ליסטעס) פאר וועם צו וועלן.

מה נאמר ומה נדבר, די פנים פלאמט פאר בושה, האלטען זיי אונז פאר אזאנע אידיאטען? זיי בעטן נאך אז יעדער זאל שיין מיטשפילען אין ״שטימען״.

א מער אריכות'דיגע מאמר אין אנאליז ווי אויך מסקנות, וועט אי״ה נאכפאלגען.

ביזדערווייל קענט איר אריינשיקען אייערע קאמענטארן, אויב איר ווילט אייער מיינונג זאל נתפרסם ווערן פראמינענט. (נישט קיין חילוק וואס איר האלט, כ״ז עס איז געשריבען מיט ערנסטקייט, אין ענהאלט נישט קיין נעמען)



ליסטע א' - קהל ליסט
SLOT A

**פרעזידענט**
יעקב כהנא

**ווייס פרעזידענט**
שאול פערלשטיין - יודא ארי' פריעדמאן

**פינאנץ סעקרעטאר**
חיים שלמה ווערטהיימער - משה שמואל זופניק

**טרעזשורער**
דוד לייבוש יאקאבאוויטש - בנימין הירש

**רואה חשבון**
יושע ארי' מאשקאוויטש - אברהם מאיר רייך

**פראטאקאל סעקרעטאר**
נח אהרן וויינבערגער

**פארשטאנד**
אשר אלימלך מייזעלס
ספרא שפילמאן
ישעי' וויינשטאק
יונה כ״ץ
ישראל שמעי' ראזנער
משה דוד ראזנער

**גבאים**
יעקב גליק
מאיר שניצלער
יוסף אלי' שלעזינגער
אביש וויינבערגער
צבי אביגדור גאלדבערגער

**טובים**
שלום אייזיקאוויטש
צבי אלימלך כהנא
חיים פסח גאלדשטיין
יצחק פריעד
יודא הערש לאנדא
נפתלי פליישמאן
אייזיק רייך
מאיר בראנד
אהרן גבריאל הויער
משה אלי' פאלאטשעק
פנחס גלויבער
משה הערש דייטש
מאיר לייב גאלד
יעקב הכהן דרעזנער
בערל הכהן כ״ץ
סנדר גרינפעלד
משה דוד גרין
זאב פריעדמאן
לוי יצחק לייטזידער
פישל גליק
חיים הערש קלאגסבאלד
חיים יושע געלבשטיין
שלמה דוב ווידער
שלמה יודא מאשקאוויטש
מענדל ראזענבערג
יעקב יוחנן פיליף
מרדכי ווירצבערגער
משה יוסף דייטש
מאיר הכהן ראטה
אברהם יחזקאל ווייס
בנציון לאנדא
ישעי' קרויס
ברוך פרץ פילאפף
אשר ענזיל שטערן
משה מייזעלס
יצחק מאיר רייך

ליסטע ב' - וואל קאמיטע
SLOT B

**פרעזידענט**
יעקב כהנא

**ווייס פרעזידענט**
שאול פערלשטיין - יודא ארי' פריעדמאן

**פינאנץ סעקרעטאר**
חיים שלמה ווערטהיימער - משה שמואל זופניק

**טרעזשורער**
דוד לייבוש יאקאבאוויטש - בנימין הירש

**רואה חשבון**
יושע ארי' מאשקאוויטש - אברהם מאיר רייך

**פראטאקאל סעקרעטאר**
נח אהרן וויינבערגער

**פארשטאנד**
אשר אלימלך מייזעלס
ספרא שפילמאן
ישעי' וויינשטאק
סענדר גרינפעלד
ישראל שמעי' ראזנער
שלמה דוב ווידער

**גבאים**
יעקב גליק
מאיר שניצלער
יוסף אלי' שלעזינגער
אביש וויינבערגער
צבי אביגדור גאלדבערגער

**טובים**
שלום אייזיקאוויטש
צבי אלימלך כהנא
חיים פסח גאלדשטיין
יצחק פריעד
יודא הערש לאנדא
נפתלי פליישמאן
מאיר בראנד
אהרן גבריאל הויער
משה אלי' פאלאטשעק
פנחס גלויבער
משה הערש דייטש
בערל הכהן כ״ץ
זאב פריעדמאן
לוי יצחק לייטזידער
משה דוד נידערמאן
חיים הערש קלאגסבאלד
חיים יושע געלבשטיין
שלמה יודא מאשקאוויטש
מענדל ראזענבערג
שלמה בר״י בערקאוויטש
משה דוד ראזנער
פנחס בנימין יאקאבאוויטש
יודל פאזנער
שאול רייכמאן
מענדל ווערטהיימער
יונה כ״ץ
אלחנן וואלף קלאגסבאלד
משה יוסף דייטש
משה שמילאוויטש
אברהם יחזקאל ווייס
בנציון לאנדא
ישעי' קרויס
ברוך פרץ פילאפף
שלום יוסף דייטש
עוזר חיים גרינפעלד
יצחק מאיר רייך

ד)

## למעשה...

וואס טוט מען למעשה? מוצש"ק גייט זיין וואלען, וואס טוט מען?

דאס איז א שאלה וואס אסאך מענטשן פרעגן, אסאך האלטען אז מען זאל בויקאטירן די וואלען, ווידעראום עס קוקט אויס ווי א גרעסערע עולם האלט אז למעשה זאל מען יא שטימען ווייל קהל זאגט דאך אז עס וועט העלפן לעגאל.

לפענ"ד זע איך נישט וויאזוי עס זאל זיין א נפק"מ לעגאל,

א) מאי אולמא האי מהאי, עס איז שוין איינמאל געווען וואלען. וואס איז יעצט בעסער?
ב) מען קען אויפווייזען אין א מינוט אז עס איז בכלל נישט געזעצליך אויסגעהאלטען, ווייל עס איז נישט געגעבן געווארען קיין געלעגענהייט אריינצושטעלן א צווייטע ליסטע. (משא"כ די ערשטע מאל איז יא געווען)

ג) במשך די זיבען יאר איז נאך קיינמאל די וואלען נישט געווען קיין פאקטאר אין געריכט, און עס איז נישט מסתבר אז יעצט זאל עס יא זיין.

משום כל הטעמים דלעיל, קוקט נישט אויס ווי עס זאל האבען עפעס א לעגאלע שייכות.

אבער דאס אלעס איז חוץ המעשה, אפילו עס זאל יא האבען א לעגאלע ווערט, איז דען דאס א סיבה אז עס זאל נישט זיין יושר'דיג? איז דאס א סיבה צו אוועקנעמען אונזער בחירה?

למעשה...

למעשה איז אבער שווער צו זאגען אז מען זאל בויקאטירן, פשוט ווייל עס איז דאך א ספיק ספיקא אז אפשר זאל עס אמאל אויסמאכען, און דעמאלס קען עס זיין א מעוות שלא יוכל לתקן, און דאס איז זיכער אז מען דארף אלעס אנווענדען אז עס זאל נישט אריינפאלען און די הענט פון די הלכים בערכאות ח"ו.

פון די אנדערע זייט, איז שטימען אין די וואלען א הסכמה אז איר געט אויף אייערע אייגענע רעכטן, וואס איז א ערענסטע פראבלעם, א זייער ווייטגרייכענדע פראבלעם.

אויף למעשה קענען מיר נישט זאגען, אבער עס וואלט יעדער געדארפט לאזען הערן א קול מחאה, ווייל עס קען ארויסקומען א בכי' לדורות.